# טעמו וראו

הערליכע לערנבארע שמועסן

פון בארימטן משפיע הרה"ח רבי דוד אייזנבאך שליט"א

מכון טעמו וראו

גילוי רצון ה' למעשה

גיליון פ - תצווה - פורים תשפ"א


## בגדי קודש הם

### 'בגדים'

בסייעתא דשמיא מיר שטייען פרשת תצוה, ס'דא א פסוק, 'ועשית בגדי קודש לאהרן אחיך לכבוד ולתפארת', מ'וועט פראבירן צו נעמען די נושא פון 'בגדים' וואס איז פאר אונז נוגע, ס'איז ידוע אז ואתם תהיו לי ממלכת כהנים וגוי קדוש, אז יעדע איד איז א בחינת כהן, און די מושג פון זיך אנטוהן אינדעפרי, אזוי ווי מיר טרעפן אז די טעם פון נטילת ידים אינדעפרי, איז אז פונקט אזוי ווי א כהן ווען ער הייבט אהן די עבודה אין בית המקדש, דארף ער זיך וואשן, אזוי אויך א יעדער איד ווען ער שטייט אויף יעדן אינדערפרי לעבודת הבורא, וואשט ער זיך די הענט, און אזוי אויך פונקט אזוי ווי א כהן ווען ער הייבט אהן די עבודה אין בית המקדש, דארף ער זיז אנטון די בגדי כהונה, איז די זעלבע בחינה א איד ווען ער טוט זיך אהן אינדעפרי, ער מאכט א ברכה מלביש ערומים, ס'דא א גאנצע חשבון פון די מושג פון די בגדים פון א איד וואס קומט פאר יעדן טאג.

### די דריי בחינות פון מלבושים

מיר וועלן פרובירן צו נעמען די נושא פון בגדים וואס איז אונז היינט נוגע 'למעשה', די נושא פון בגדים וועט ווערן צוטיילט אין דריי, ס'איז דא א לבוש - א בגד, ס'דא לכבוד ולתפארת, און ס'דא אויכעט שלא שינוי את לבושם - אז מ'איז נישט געגאנגען ווי דעם גוי, דאס הייסט די גוי'אישע בגד, קודם דארף מען וויסן, די פשוטע לבוש וואס א איד טוהט זיך אהן, קודם וואס ער דעקט זיך צו, דאס קומט בשורש פון וואס מ'טרעפט אין פרשת בראשית, אז כביכול הקב"ה האט געמאכט פאר אדם הראשון כתנות עור וילבישם, א לבוש - לא בושה ער איז נישט פארשעמט, ער איז אנגעטוהן, און אויף דעם מאכן אונז אינדעפרי די ברכה 'מלביש ערומים', אונז זענען בחינת ערומים, מ'פלעגט שלאפן אמאל אהן בגדים, ער טוהט זיך אהן א בגד, די ערשטע זאך 'מלביש ערומים'.

### מאני 'מכבדותא'

אבער אז מ'וועט אריינגיין אביסעלע טיפער וועט מען טרעפן אז ס'דא אויך 'לכבוד', מיר טרעפן ס'איז באוויסט די גמרא אז רבי יוחנן האט גערופן די בגדים 'מכבדותא', ווייל בגדים איז מכבד די מענטש, מיט דעם וואס ער גייט אנגעטוהן א מכובד'יגע בגד, און מכבד זיין מיינט נישט דוקא כבוד פון אנדערע, נאר יעדער פאר זיך אליין, א מענטש ווען ער איז גוט אנגעטוהן איז ער פאר זיך אליין חשוב, נישט נאר ווייל יענער קוקט, די מושג פון 'יענער קוקט' דאס איז שוין א קומעדיגע נקודה וואס מ'דארף צונעמען, עד כדי כך אז מיר טרעפן אין הלכות שבת אז די בגדי שבת דארפן זיין שענער פון די בגדי חול, און פון יו"ט נאך מער שענער, און מ'לערנט עס פון פסוק 'וכיבדתו', איינער פון די זאכן וואס מ'לערנט ארויס פון 'וכיבדתו' איז כסות נקיה, די גמרא זאגט עס דארטן, און הלכה'דיג איז דאס אז וכיבדתו מ'זאל וואשן די בגדים דאנערשטיג, אז מען זאל האבן שבת ריינע בגדים, און עד כדי כך, נישט נאר ריינע בגדים, ס'ווערט געפסקנ'ט אז מ'זאל 'משנה' זיין לבושו, דאס איז די טייטש אז ווען אן ארימאן וואס ער קען נישט בייטן א בגד,איז אויב ער גייט אינמיטן וואך קורץ זאל ער אראפלאזן די בגדים, און פון דעם איז די שורש אויף דעם טלית שבת.

### אורות פנימיים, ואורות מקיפים

דאס צו פארשטיין אביסעלע טיפער, ס'איז ידוע די אר"י הקדוש האט געזאגט פאר ר' חיים ויטאל א הסבר וואס ליגט אין די בגדים, אז א מענטש האט 'אורות', אורות פנימיים, מיט אורות חיצוניים וועלכע הייסן אויך אורות המקיפים, די 'נפש' 'רוח' 'נשמה' רופן זיך פנימיים, און זיי זענען מלובש אין דעם גוף, וואס דאס איז די אורות המקיפים - די אורות חיצוניים איז זיך מתלבש אין די לבוש, די לבוש איז אזוי ווי א כלי פאר די אורות המקיפים,

ר' אביגדור מילער זצ"ל גיבט דאס ארויס זייער געשמאק. מיר טרעפן אז איינער וואס ער ארבעט אין א פאך, די בגדים פון די פאך מאכט די מענטש, ס'איז משפיע אפילו אויפן נפש פון די מענטש, ווען איינער לאמיר זאגן

א סאלדאט טוהט זיך אן און ער גייט אנגעטוהן די בגדים פון א סאלדאט, פועל'ט דאס אויף איהם, דאס זעלבע למשל א דאקטער, און אזוי יעדע פאך וואס א מענטש ארבעט און ס'האט א סארט בגד איז די בגד מבטא די מענטש פאר אינדרויסן, אבער ס'איז אויכט משפיע אויפן מענטש אליין, אזוי ווי די אר"י הק' איז מסביר, אז דאס איז די אורות המקיפין, דאס איז די כלים פאר די אורות המקיפין.

*בגדי כהונה*

קומט אויס, אז א בגד איז זייער זייער משפיע אויפן מענטש, און מ'וועט זעהן אז נישט נאר ס'איז משפיע, נאר מיר טרעפן אז די בגדי כהונה האט יעדער בגד אויף עפעס מכפר געווען, עד כדי כך, די 'ציץ' האט מכפר געווען אויף עזות מצח, די 'אבנט' אויף הרהורי הלב, די 'חושן' האט מכפר געווען אויף עיוות הדין, די 'אפוד' אויף ע"ז, די 'מכנסים' אויף גילוי עריות, די 'כתונת' אויף שפיכת דמים, די 'מעיל' אויף לשון הרע... אזוי אז יעדע זאך האט געהאט א 'רמז', אויף וואס פונקט מען האט דאס געברענגט, קומט אויס, אז די מושג פון א בגד פון א איד איז נישט קיין דבר של מה בכך.

*די גוי'אישע מאדע*

אבער מ'וועט אריינגיין אין די דריטע חלק, וואס דאס הייסט די מאדע, די מושג וואס א מענטש לייגט צו א קנעפל, אדער סיי וועלעכע סארט זאך כדי צוגעבן א גוי'אישע בליק צו זיינע קליידער, וועט מען קענען א טראפעלע פארשטיין וואס איז די וויכטיגקייט פון ממאס זיין דעם רע און נישט צוקומען צו דעם.

ס'איז ידוע 'ויבוא יעקב שלם' איינער פון די זאכן וועלכע זענען מרומז אין דעם ווארט שלם..איז דאך 'שם, 'לשון, 'מלבוש, אבער מען דארף פארשטיין אז דער 'שלא שינו לבושם אין מצרים', די נישט משנה זיין דעם לבוש, מוז נישט זיין אז ער גייט ממש גוי'אישע קליידער, ס'דא אזא זאך ביי א מענטש, ער מיינט ער דארף 'להדמות', ס'דא א רמב"ם די מושג פון 'להדמות' לעכו"ם, דאס איז אויך א מורא'דיגע זאך, די אידישע בגד האט א אידישע 'חן'.

*פארקערט פון די גאס*

מען דערציילט, ס'איז אמאל געקומען א משכיל צו א רבין, און ער האט איהם געפרעגט, מיט א לשון וואס ער האט איהם געוואלט מנצח זיין, האט ער איהם געפרעגט, ילמדנו רבינו, אברהם אבינו איז געגאנגען אנגעטוהן אזוי ווי אייך??!! זאגט מיר דעם אמת, וואס איז אברהם אבינו געגאנגען אנגעטוהן? האט איהם די רבי גע'ענטפערט, כ'ווייס נישט וואס ער איז געגאנגען, אבער איין זאך וואס איך ווייס זיכער איז, אז ער איז געגאנגען פארקערט פון די גאנצע גאס, דאס ווייס איך זיכער אז וואס אלע זענען געגאנגען איז ער נישט געגאנגען, ממילא די זאך נעם איך נאך פון אברהם אבינו, אז איך גיי נישט אנגעטוהן ווי די גאס.

*רעכטס אויף לינקס*

די הגדרה פון זיך מתרחק זיין און זיך זיכען להדמות, דאס איז די דריטע נקודה אין די ענין פון 'לבוש', ס'קען זיין לכבוד ולתפארת - אידיש, און ח"ו די מושג פון גוי'איש, עד כדי כך, ר' מנדל רימינובער האט אמאל געזאגט ס'איז געווען דעמאלס גזירות און אידן האבן נעבעך געליטן, האט ער געוואלט מעורר זיין זיין ציבור, האט ער געזאגט, איר ווייסט פארוואס ס'איז דא די גזירות? אונז האבן מקבל געווען צו גיין רעכט'ס אויף לינקס, ס'האט זיך דא אריין געכאפט פון די גוים אז מ'גייט לינקס אויף רעכט'ס, ער האט געוואלט ארויסגעבן ווי די שלא שינו מ'זאל אכטונג געבן שטארק אויף די ענין פון זיך נישט משנה זיין דעם לבוש, און די סיבה פארוואס די אידן זענען געגאנגען רעכט'ס אויף לינקס, אודאי ס'איז דא א ענין פון מגביר זיין ימין אויף שמאל, און אזוי ווי לאמיר זאגן מיר פארשטיין אזוי ווי ר' חיים ויטאל האט געזאגט אז די אורות המקיפין זענען אין די לבושים, האט מען מער צוגעלייגט קאפ אין די לבושים, אבער ס'דא נאך א נקודה, א פשוטע נקודה - "איך מיט די גוי האבן נישט קיין שייכות".

היוצא מדברינו למעשה פאר אונז אליין, ס'דא די עצם בגדים, א איד דארף גיין אנגעטוהן, מלביש ערומים, גיין אנגעטוהן לבושים מכבדותא, און ס'דא שלא שינו - נישט נאכלויפן די גאס, נישט נאכלויפן די זאכן, נישט נאר זיך נישט געפעלן פאר יענעם, נאר אפילו איינער וועט זאגן 'איך דארף עס נישט פאר יענעם', פאר מיר אלץ מיין כבוד, אזוי ווי מ'זאגט די בגד איז משפיע אויף די נפש פון די מענטש, איז איך וועל גיין אזא בגד פאר מיר, ניין, זאלסטו וויסן אז ס'פועל'ט אויך אויף דיר די חלק השלילי, די גוי'אישע קאפ וואס ליגט אין דעם גוי'אישע חן פון דעם בגד.

*ויגבה לבו בדרכי השם*

למעשה וואס קומט אויס, א איד דארף זיין 'ויגבה לבו בדרכי ה'', ער זאל גיין מיט די בגדים וואס ער האט מקבל געווען, און דאס וועט באמת היטן אויף זיין אורות המקיפין, און ס'איז ידוע די חיצוניות איז משפיע אויף די פנימיות, אז זיין מקיפין וועלן האבן אידישע בגדים וועט ער אויכעט זיין אן ערליכע איד, ס'וועט איהם אכטונג געבן, ממילא מ'קען גיין אמאל א בגד, וואס ס'איז אויך די זעלבע בעקיטשע נאר א טראפעלע 'קורץ', ס'איז א בעקיטשע, אבער אויך די קורץ'קייט איז אויך זיינע אורות המקיפין באקומען קורצע כלים, איז דאס שוואכער משפיע, גיין אנגעטוהן אזוי ווי ער האט מקבל געווען, און זיך נישט שעמען מיט די בגדי עבודה פון דעם ואתם תהיו לי ממלכת כהנים וגוי קדוש, און געדענקען מכבד זיין די בגדי שבת, א טלית אויף שבת דארף מען משתדל זיין, און די אייבישטער זאל אונז העלפן, אונז זאלן טאקע ווייטער נגאל ווערן אין די זכות פון שלא שינו לבושם בקרוב ממש.

### פרשת זכור

בסייעתא דשמיא מיר שטייען אין די טעג פון פאר פורים, ס'הייבט זיך אהן מיט פרשת זכור, און תענית אסתר, מיט די ימי פורים, מיט די מצוות פון פורים. די הויפט נקודה וואס נעמט ארום די גאנצע זאך, די גאנצע חודש אדר, די אלע מצוות מיט די אלע זאכן, די חוט השדרה, איינער פון די הויפט יסודות איז די ענין פון 'מלחמת עמלק', אנגעהויבן מיט פרשת זכור, ווי מיר ליינען די פרשה פון מחיית עמלק, ס'איז דא דארטן צוויי מצות עשה מיט א לא תעשה, און דאס ציהט זיך אזוי אריבער ביז נאך פורים.

### מלחמת טוב ורע

מ'וועט פרובירן דאס צו צונעמען, ווי אזוי איז דאס נוגע אין אונזער לעבן ממש, ווי אזוי דאס איז געבויעט, אבער נאך פאר מ'וועט צוגיין צו דעם נושא לגבי אונז, אז מען וועט גוט קוקען וועט מען זען אז די יסוד הייבט זיך שוין אן ווען יעקב מיט עשו טיילן זיך אפ, וואס עשו איז די שורש פון די נקודה פון עמלק, וואס דורך איהם ווערט נתגלה די מלכות עמלק וואס קומט אראפ אויף די וועלט, און דאס וועט זיך ענדיגען נאר ווען מיר וועלן זוכה זיין צו 'ועלו מושיעים בהר ציון לשפוט את הר עשו והיתה לה' המלוכה' דעמאלס וועט ווערן די מחיית עמלק בשלימות, אבער באמת אז מ'טראכט נאך טיפער איז די שורש פון די מלחמה פון טוב ורע גלייך פון אנהייב די בריאה.

### שנאת עמלק כיצד?

יעצט וועט מען פרובירן דאס צונעמען ווי אזוי דאס גייט ארויף אויף אונזער חודש אדר, אונז הייבן אן מיט א פרשת זכור, ס'דא איין מצוה וואס הייסט זכירת מעשה עמלק, און נאך א מצות עשה פון מחיית עמלק, און דערנאך א לא תעשה פון לא תשכח, נישט פארגעסן די שנאה בלב פון עמלק צו אונז, ווי ס'ווערט געפסק'נט להלכה, דאס איז די לא תשכח, למעשה ס'פרעגט זיך א פשוטע שאלה, ווי אזוי זאל איך פיינט האבן איינער וואס ס'איז געווען מיט איהם א מעשה פאר יארן צוריק מיט מיינע זיידעס, ווי אזוי פאבריציר איך די שנאה, נאכדעם וואס מ'וועט אנקומען ווי אזוי ס'איז ביי אונז נוגע למעשה, וועט מען קענען וויסן ווי אזוי מ'קען מעורר זיין באמת די שנאה, מקיים זיין די מצוות ווען מ'הערט די קריאת התורה, און זיך אנוואוארעמען און נתעורר ווערן פון דעם 'לא תשכח'.

### מלחמת מצוה

ס'איז ידוע די ווארט פון רבי ר' בונם, ער זאגט, כי תצא למלחמה, אז ס'איז ידוע די חז"ל כי תצא למלחמה על אויביך, במלחמת הרשות הכתוב מדבר, אז דער פסוק איז מרמז אויף מלחמת היצר, זאגט ער ריכטיג אז בימים ההם דעמאלס איז געווען די אמת פשט אז עס איז געווען א מלחמה מיט גוים, און בדרך רמז האט דאס מרמז געווען אויך אויף מלחמת היצר, אבער היינטיגע צייטן איז דאס די אמת זאך, די אמת'ע פשט איז מלחמת היצר, און ס'איז אויך מרמז אויף א מלחמה מיט גוים, אזוי זאגט רבי ר' בונם.

קומט אויס אז למעשה, די סדר המלחמה, אז מ'וועט עס ארויסגעבן לגבי אונזער לעבן, אונז האבן א מלחמה תמידית וואס א מענטש פון ווען ער איז געקומען אויף דער וועלט דא, שטייט ער אין א מלחמת היצר נאכאנאנד, און ער גייט דורך די זעלבע דורכגאנגען, וואס מיר טרעפן ביי די מלחמת עמלק - און דאס מיינט מלחמה לה' בעמלק מדור דור, ווייל ס'איז די מלחמה פון די טוב ורע,

### נצח ישראל

לאמיר זעהן וואס האט עמלק געוואלט, וואס איז געווען די מטרה פון עמלק. איינע פון די זאכן וואס עמלק האט געארבעט אויף די אידן איז, זיי זאלן נישט גלייבן אין די נקודת 'הנצחי' פון דעם איד, לאמיר אנכאפן למשל, דאס אז אפילו נאכדעם וואס ער האט חוטא געווען, בלייבט נאך אלץ די נקודת 'הנצחי' פון דעם איד, ווייל די חטאים זענען א דבר חיצונית, ס'איז נישט די פנימית פון דעם איד, ס'איז נישט די אמת פון דעם איד, און זיין מטרה איז מכחיש זיין די נצחיות פון דעם איד, מכחיש זיין די שטארקייט וואס דאס הייסט א איד, דאס הייסט די 'חלק הטוב' לאמיר דאס רופן ער האט זיך געקריגט מיט די 'חלק הטוב'.

### תענית אסתר

יעצט וועט מען גיין צו די נקודה, טאמער מ'וועט איבער דרייען די גאנצע מלחמת היצר צו אונזער לעבן אין אונזער זאך, און דאס איז היינט כי מלחמה לה' בעמלק, און דאס איז למעשה, וועט מען דורך גיין אזוי, ס'איז ידוע אז די נקודה פון תענית אסתר איז צו מעורר זיין גאנץ אן אנדערע נקודה ווי ביי אנדערע תעניות, ווייל די יסוד פון תענית אסתר איז נישט פאר די אבילות, נאר זיך מעורר זיין און זיך דערמאנען אז מ'האט מקבל געווען אונזער תפילות אין יענע צייטן, דאס איז די טייטש מיר האבן א מלחמה מיט תפילה אויכעט - גלייבן אין תפילה, איינער פון די זאכן וואס אונז זענען מעורר אין תענית אסתר אז אידן האבן א מלחמה, איינער פון די זאכן וואס דארפן חיזוק בכל יום וואס דאס איז 'תפילה', מ'זאל 'גלייבן' אין תפילה, גלייבן אין תפילה, דאס איז די מלחמה פון תענית אסתר, וואס מ'ווייזט אז מ'איז יא מקבל די תפילות פון די אידן, און כדי מ'זאל געדענקען אז ס'דא א מלחמה לה' בעמלק מדור דור און מ'זאל יעדן טאג גלייבן אין נקודת התפילה, האט מען מתקן געווען תענית אסתר צו מעורר זיין די ענין פון 'תפילה'.

### פורים

און יעצט פורים אליין, איז די חלק ההודאה שבמלחמה, ס'דא א מלחמה תמידית נאכאנאנד - די טוב ורע, און

ס'דא א חלק פון מלחמה בקשר נושא התפילה, און יעצט איז דא די חלק, אז פונקט אזוי ווי ווען מ'געווינט א מלחמה איז דא די ניצחון פון די מלחמה, מאכט מען א גרויסע פאראד פון די ניצחון, אזוי אויך טוען אונז, מיר מאכן פורים מיט די אלע מצוות, וואס זיי זענען ווי א גרויסע פאראד פון דעם ניצחון אז צום סוף איז מען יא מנצח, און אז די רוחניות איז א דבר 'נצחי' און נישט די גשמי, וואס מיינט דאס? אז ס'דא א ניצחון זמני - כ'האב יעצט מנצח געווען, אבער אונטער דעם ניצחון זמני, מארגן קען דאך יענער קומען און דיר צוריק איינ'נעמען, ס'איז ריכטיג אויף יעצט.

### מלחמה לה' בעמלק

א איד דארף וויסן, די חלק הרוחניות, עס איז טאקע אמת אז האב איך א מלחמה לה' בעמלק מדור דור, נאכאנאנד איז דא א מלחמה, אבער איך בין נאכאנאנד אויכעט חוגג, יעדעס יאר מאך איך א גרויסע יו"ט פורים, אויף דעם אז צום סוף איז מען מנצח, די צד הקדושה וועט צום סוף מנצח זיין, און כי לא יטוש ה' עמו 'שכל קויך לא יבושו ולא יכלמו לנצח כל החוסים בך', ווייל מיין נצחי איז די רוחני, די נקודה פנימית פון דעם איד דאס איז א נצח, ס'איז א נצחיות'דיגע זאך,

### כח השמחה

און נאך מער, איך בין מקבל די מלחמה ווייטער 'בשמחה', דאס איז די טייטש, איך נעם פון דעם פורים א כח שמחה אויף צו לוחם זיין ווייטער, נישט נאר איך בין חוגג דעם נקודת הניצחון איך מאך פון דעם א יו"ט, איך בין חוגג דעם נקודת הניצחון, איך נעם מיט שמחה אז איך זאל ווייטער לוחם זיין בשמחה, און דאס איז די כח פון דעם פורים וואס געבט אריין די כח פאר א גאנצן יאר, די כח השמחה - שמחה שבמלחמה פון דעם גאנצן יאר פון די מלחמת עמלק, דאס איז די טייטש, לאמיר עס מאכן אז עס איז אזוי ווי א גלגל, און איך ענדיג דעם פורים באקום איך די כוחות צו קענען ווייטער לוחם זיין, און פירן די מלחמה לה' בעמלק ביז זיבולא בתריתא זאל איך האבן די כח השמחה פאר די מלחמה.

### קרבת אלקים

וואס קומט ארויס למעשה פאר אונז, אז אונז דארפן זיך צוזאמנעמען פון פרשת זכור ביז נאך פורים, מיר דארפן צוזאמנעמען אונזערע כוחות צו וויסן נישט מסיח דעת זיין, אז ס'איז דא א מלחמת עמלק שבקרבי - מלחמת היצר, און אפגערעדט אז ער קוקט אויף אונזערע מחשבות אויף אונזערע דיבורים, אויף אונזערע מעשים, ער נעמט אונז ארויס דעם כח התפילה, דאס גלייבן אין תפילה, ממילא דארף מען זיך צוריק מחזק זיין די כח התפילה, מ'וועט מאכן דעם תענית אסתר, מ'וועט מאמין זיין אז יא! מיט תפילה וועלן אונז אנקומען, און נישט פארגעסן, נישט מאכן קיין היסח הדעת פון נאכאנאנד די אמונה, די נקודת האמונה איז אונזער כח צו קענען יא אנקומען צוריק צו קרבת אלקים אין די צייט וואס אשר קרך בדרך ער קומט צו דיר און ער זאגט דיר אז ס'איז נאר א דבר של מקרה, און ווי אנדערע מפרשים שטעלן דאס אוועק, אז די ענין פון 'קנאה', און ער שטעלט זיך אוועק ער האט מטמא געווען כלל ישראל ער שטעלט זיך אוועק און ער זאגט דאס איז קנאה? דאס איז דאך א נקודת האמונה ער קריגט זיך אין די אלע פלעצער, און די ארבעט פון דעם איד איז צוריק זיך שטארקן, און דאס צוענדיגן מיט אזא קלארקייט מיט אזא שמחה אז ער קען יא געפונען אין די כח הנצח וועט אנקומען צו זיין סוף לעתיד לבוא, מיט ועלו מושיעים בהר ציון לשפוט את הר עשו והיתה לה' המלוכה.


טַעֲמוּ וּרְאוּ כִּי טוֹב ה'

כל הזכויות שמורות למכון "טעמו וראו"

להערות והארות ולקבלת הגליון ולכל עניני הגליונות

ניתן לפנות בכתובת אימייל: a8426277@gmail.com

טל: 052-713-5944

**א פריילעכע מעלדונג**

די רייכע שמועסן קען מען אויך הערן אויפ'ן אינהאלטסרייכן טעלעפאן ליין:

ארץ ישראל - 02-5368970

ארה"ב - 646-585-3065 אייראפע - 443303900488

הערטס און דערקוויקט אייער הארץ מיטן געניסן פון די פולע לערנבארע שמועסן

**ישמח לב מבקשי ה'! מ'קען שוין הערן די "חיזוק יומי"**

שטארקע ווערטער פאר גרויס און קליין. דריקט נאמבער 1